אויף תיכף ארויסצוגעבן: 11/3/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט דאס אנהייב פון 27 מיליאן דאלאר פראיעקט צו איבערמאכן הויפט שאסייען אין די סיטי פון איטהאקא

***איבערפלאסטערונג פון Meadow Street, Fulton Street, West Buffalo Street און אנדערע שאסייען וועלן פארבעסערן זיכערהייט און פארגרינגערן רייזע***

***פראיעקט מענט אויך אריין טראפיק סיגנאל, סיידוואלק און אפלויף פארבעסערונגען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז ארבעט איז שוין אינטערוועגנס אויף א 27.4 מיליאן דאלארדיגע פראיעקט וועלכע וועט איבערמאכן אפאר הויפט שאסייען אין די סיטי פון איטהאקא, פארבעסערענדיג שטאנדהאפטיגקייט און צושטעלענדיג גלאטערע רייזעס לענגאויס די וויכטיגע וועג אריין צו די פינגער לעיקס. די פראיעקט וועט אינסטאלירן נייע גאס אויבערפלאכן און מאכן אנדערע פארבעסערונגען צו טיילן פון Meadow Street און Fulton Street (אויך באקאנט אלץ State Routes 13 און 34), אזוי אויך West Buffalo Street (אויך באקאנט אלץ State Route 96) און אנדערע וויכטיגע גאסן אין די שטאט. טראפיק סיגנאל פארבעסערונגען, לעין אויסשטעלונגען און סיידוואלק פארבעסערונגען וועלן אויך פארגרינגערן אנגעזעצטקייט און פארבעסערן זיכערהייט פאר סיי מאטאריסטן און פוסגייער.

"אפסטעיט ניו יארק שאסייען קענען ווערן גוט צוזעצט דורכאויס די ווינטער מאנאטן, און דעריבער דארפן אונז גוט אבאכט געבן צו פארזיכערן אז זיי ווערן געהאלט אינטער גוטע אומשטענדן און קענען דורכמאכן סיי וועלכע שוועריגקייטן מוטער נאטור האט גרייט פאר אונז," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די אינוועסטירונגען אין איטהאקא'ס וויכטיגע שאסייען וועלן האלטן מענטשן און די סחורה אויף די וועגן אין די ראיאן און וועט זיך ווייטער אפצאלן פאר פולע יארן צו קומען אין די טערמינען פון זיכערהייט, שטאנהאפטיגקייט און עקאנאמישע וואקס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע (Department of Transportation) קאמישאנער Marie Therese Dominguez (מערי טעריז דאמינגעז) האט געזאגט,** "גאווערנער (קעטי האקול) פארשטייט די וויכטיגע ראלע אינפראסטרוקטור שפילט אין פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און עקאנאמישע רייכקייט פאר אלע ניו יארקער. די שאסייען איבערמאכן פראיעקט וועט פארזיכערן אז וויכטיגע עלעמענטן פון אונזער טראנספארטאציע נעץ אין און ארום די סיטי פון איהאקא זענען שטאנדהאפטיג און גרייט פאר די שוועריגקייטן פון עקסטרעמע וועטער - פארגרינגערענדיג פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך צו שפירן און הנאה האבן פון אלעס וואס די וואונדערליכע שטאט - ברייט באקאנט פאר איר קאלעדשעס און צענישע שיינקייט - האט פארצולייגן."

Mainline State Route 13 איז א הויפט צפון-דרום פארבינדונג וועלכע לויפט פון אסוועגא קאונטי ווילעדש פון פאלאסקי ביז די טשעמונג קאונטי ווילעדש פון הארסהעדס, זיך צאמשטעלענדיג מיט State

Route 34 ווען עס פארט דורך די הארץ פון דאונטאון איטהאקא און ווערענדיג Meadow Street אויפן צפון ריכטונג און Fulton Street דרום ריכטונג. די הויפט שאסיי דורך די שטאט'ס צענטער איז אויסגעשטעלט מיט אומצאליגע געשעפטן, רעסטוראנטען און לאקאלע ביזנעסער. די געגענט איז אויך דער היים צו איטהאקא קאמאנס, א פוסגייער מאל וועלכע ווערט באטראכט אלץ די שטאט'ס קולטורישע האב, עס מאכנדיג א ציונגס ארט פאר איינוואוינער, סטודענטן און באזוכער צוגלייך, און אינטערשטרייכענדיג די וויכטיגקייט פון אנהאלטן א גלאטע שאסיי פאר די ארום 30,000 וויקעלס וועלכע רייזן אויף עס יעדן טאג.

איינלייטענדע ארבעט אויף די פראיעקט, אריינגערעכנט געוויסע סיידוואלק און דרייוועי אנגרייטונגען, זענען שוין אינטערוועגנס. ארבעט צו פלאסטערן איבער דריי מייל פון אויסגענוצטע אספאלט אויבערפלאכן און אדרעסירן נאכפאלגענדע ריסן, ראטס און פאטהאלס וועלן זיך אנהייבן אין די פרילינג פון 2026. די פלאסטערונג ריהאביליטאציע פראיעקט, וועלכע נעמט אריין דאס ארויף לייגן פון ריס זיגל וועלכע ווערט געלייגט יעדער דריי יאר, וועט פארלענגערן די לעבן פון די פאלגענדע וויכטיגע פארבינדונגען מיט א געשאצטע 13 צו 15 יאר:

- Meadow Street און Fulton Street (State Routes 13/34) צפון ריכטונג און דרום ריכטונג פון Elmira Road צו די Ithaca City line.
- West Buffalo Street (State Route 96) צווישען Taughannock Boulevard און South Meadow Street
- West Seneca Street צווישען North Fulton Street און North Meadow Street
- West Green Street צווישען South Fulton Street און South Meadow Street

טראפיק סיגנאלן ביי זעקס אינטערסעקשענס וועלן ווערן גענצליך ערזעצט און 14 מער וועלן פארבעסערט ווערן צו אריינעמען ווידיאו אויפגאפונג, וועלכע העלפט אין אפטימיזירן סיגנאל צייט אויסרעכענונג און פארמינערטווארטן צייט פאר מאטאריסטן. טרעפיק סיגנאלן וועלן ווערן אינסטאלירט ביי צוויי אינטערסעקשענס וועלכע טוהן יעצט אפערירן אן זיי.

פלאסטערונג צייכענונגען וועלן אויך געטוישט ווערן צו פארבעסערן פארקער פלוס. לענגאויס West Buffalo Street, די מזרח ריכטונג לעין, וועלכע דינט יעצט נאר אלץ א לינקע-דריי לעין ארויף אויף North Meadow Street, וועט ווערן א דורכפארן לעין, אין די צייט וואס North Fulton Street, א דעדיקירטע רעכטע-דריי לעין ארויף צו Cascadilla Street וועט פארלענגערט ווערן צו דינען אלץ א לעין פאר דורכפארענדע פארקער.

א נייע רעקטענגל שנעל בליצקעדיגע ליכט שטראל (RRFB) וועט אינסטאלירט ווערן לענגאויס State Route 13 נאנט צו Esty Street צו פארבעסערן זיכערהייט פאר פוסגייער. די ארקער קאנטראל אפאראט איז אויסגעשטעלט צו לאזן וויסן פאר דרייווער דורך שילדן און בליצקענדע לעקטער ווען פוסגייער גיין אריבער מיד-בלאק לאקאציעס. אין צוגאב, 15,000 פוס פון סיידוואלק וועט ווערן ערזעצט, 500 פוס פון נייע סיידוואלק וועט ווערן צוגעלייגט און קורב רעמפס וועלן פארבעסערן ווערן צו פארבעסערן אקאמאדירונג פאר פוסגייער. אפלויף רערן אין סטרוקטורן וועלן אויך ווערן גערייניגט און פאראכטן צו פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט. צו מינימיזירן פארקער שטערונגען, ארבעט וועט מערסטענס פארקומען ביינאכט און איז ערווארטעט צו ווערן פארענדיגט ביז זומער 2027.

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "אונזער בייפארטיזען אינפראסטרוקטור און דשאבס געזעץ טוט אויספלאסערן די וועג פאר זיכערע גאסן איבער איטקאהא. איך בין שטאלץ צו העלפן צושטעלן די וויכטיגע פעדערלע דאלארן צו שאפן גוט-באצאלטע דשאבס,

פארבעסערן זיכערהייט און מאכן די לאנג-געדארפטע פארבעסערונגען צו פארבעסערן שפאצירבארקייט און מאכן פאר א מער זיכערע קאמיוט. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס אינפראסטרוקטור."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטין דשיליברענד) האט געזאגט,** "א דאנק די בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ, אונז טוהן פארבעסערן מער און מער פון ניו יארק'ס גאסן און אינפראסטרוקטור צו זיי מאכן מער סטעיט-פון-די-ארט, שטאנדהאפטיג און זיכער פאר סיי פוסגייער און דרייווער," האט געזאגט סענאטאר Gillibrand (דשיליברענד.) "איך בין שטאלץ צו האבן צוגעשטעלט די פעדעראלע דאלארס וועלכע טוהן אויפלעבן איטהאקא'ס שאסייען, און איך וועל ווייטער קעמפען צו פארזיכערן אז אונזער געמיינדעס האבן די רעסארסן זיי דארפן צו אנהאלטן די טאפ-נאטש אינפראסטרוקטור וועלע העלפט טרייבן קאמיוטער און לאקאלע עקאנאמיעס פאראויס."

**סטעיט סענאטאר Lea Webb (לעא וועב) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו זעהן סטעיט רעסארסעס ווערן צוגעוויזן צו א פראיעקט וועלכע פארבעסערן צוגענגליכקייט, נאכהאלטיגקייט און קוואליטעט פון לעבן פאר יעדער וועלכע רופט איטהאקא היים. די אינוועסטירונג אין איטהאקא'ס הויפט שאסייען איז א שטארקע געווינס פאר אונזער געמיינדע און די גאנצע ראיאן. די פארבעסערונגען וועלן עס מאכן גרינגער און מער זיכער פאר איינוואוינער, סטודענטן און באזוכער זיך אומצוגיין, ווען שטיצענדיג די לאקאלע ביזנעסער וועלכע זענען די הארץ פון אונזער שטאאט."

**אסעמבלימעמבער Anna Kelles (עננע קעלעס) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין אונזער שטאט'ס הויפט שאסייען איז פונדאמענטאל צו בויען א זיכערע, נאכהאלטיגע און אייניגע טראנספארטאציע סיסטעם. נאך יארן פון ווערן אויסגענוצט, טויזנטע איטהאקא איינוואוינער האבן געבעטן פאר זיכערע אריבערגענג, גלאטערע רייזעס און מער פאראנטווארטליכע צוטריט. די פארבעסערונגען צו Route 13, Fulton, Meadow און West Buffalo Streets וועט באראויגען פארקער, פארמינערן אקסידענטן, פארברייטערן פוסגייער צוטריט און מאדערניזירן צוריקגעשטאנענע אינפראסטרוקטור אין טייל פון אונזער מערסט גערייזעטע קארידארן. אונז זענען אלע געזעצן אין אנגעזעצטע פארקער נאך די הויך שולע און געשפירט די פרוסטראציע פון ווי שווער עס קען זיין צו אריינגיין און ארויסגיין פון שטאט. די פראיעקט טוט דעס דירעקט אדרעסירן דורך פארמינערן אנגעזעצטקייט, פארשטערקערנדיג די פארבינדונג צווישן דאונטאון און אונזער וואסערפראנט און פארזיכערן אז יעדער איינוואוינער, באזוכער און ארבעטער קען זיך רוקן אינערהאלב אונזער שטאט זיכערהייט און מיט פאראנטווארטליכקייט. א דאנק פאר די גאווערנער און די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט פארן מאכן די גרויסע אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון איטהאקא."

**סיטי פון איהאקא מעיאר Robert G. Cantelmo (ראבערט דש. קאנטעלמא) האט געזאגט,** "די סיטי פון איהאקא איז דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס אינוועסטירונג אין פארבעסערן די וויכטיגע סטעיט הייוועיס. אלץ איינער פון די גרעסטע אין-קאמיוטער שטעט אין די ראיאן, די וויכטיגע מעינטענענס וועט פארזעצן צו צושטעלן צוטריט און פאראנטווארטליכקייט פאר טויזענטע איינוואוינער און ארבעטער וועלכע רופן אונזער געמיינדע היים."

**איבער די טראנספארטאציע דעפּארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באררייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

לעבנס זענען געוואנדן דערויף — פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער פאר הייוועי ארבייטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפּ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן